דוד ראָזענטאַל:

**עפּעל.**

איז'ם גאָרטען
פאַלען עפּעל
— טאַג, טאַג, טאַג,
און פוילען.
און די וועלט הונגערט
נאָך שפּייז,
נאָך ליעבע,
נאָך לעבען
דאָך —
איז'ם גאָרטען
פאַלען עפּיל
— טאַג, טאַג, טאַג,
און פוילען
און די ווערים
טאַטשען, טאַטשען.

---

ם. שיפּרים:

**מיר ביידע שווייגענדיג...**

מיר ביידע שווייגענדיג אין פּיין.
קיין איינציג וואָרט גערעדט שוין מעהר,
נאָר אין דיין אויג א שטומע טרעהר.
א גוטע נאַכט, — נו גוטע געזונטערהייט.
און שטומערהייט
דאָס לעצטע מאָל דיין הויז בעטראַכט,
האָב איך זיך וואַקלענדיג גאַס אויס, גאַס איין
אַוועקגעלאָזען אין דער נאַכט.

ש. ניגער:

# יונג-אַמעריקע.

## 1.

מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען „אָנצונעמען זיך" פאַר'ן אידישען ישוב אין אַמעריקע: אָנב. ווייסען שוין איצט אַלע, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ נחות־דרגא, ווי מ'האָט פריהער געגלויבט. עס איז שוין איצט ביי קיינעם נים קיין ספק, אַז אַמעריקאַנער אידען האָבען צו זאָגען זייער וואָרט אויך אין דער רוחניות'דיגער אידישער וועלט: מענשען, וואָס געהערען צו איין קיבוץ, צו איין פאָלק, מוזען אַלע האָבען כלל־געזיכט, עפּיס א פּינטעלע א י ד. ווי גאָר זייער לעבען ווערט אביסעלע איינגעפונדעוועטער· און דאָס לעבען פון אידען אין אַמעריקע האָט דאָך שוין עפּיס א שטיקעלע פונ־דאַמענט אונטער זיך.

פונדעסטוועגען איז די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע געווען ביז דער לעצטער צייט עפּיס אַן אָבגעפרעגטע זאַך. אפילו זיי, וואָס האָבען נישט געוואָלט אַוועקמאַכען אונטער'ן האַנט דעם נייעם אידישען ישוב אין אַמע־ריקע, האָבען נישט געהאַלטען פון דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור. אַמעריקע און ליטעראַטור. האָט זיך געדוכט, זיינען ניט קיין פּאָר קליידער.

א ליטעראַטור ברענגט פרוכט און זי לאָזט טיפע וואָרצלען אין אַן איינגעפונדעוועטען ישוב. וואו עס זיינען דאָ איינגעזעסענע מענשען און אַן איינגעשטעלטער לעבענס־שטייגער. די ל י ט ע ר א ט ו ר קאָן זיך פאַרגינען אַמאָל אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך דעם עול פון טראַדיציעס, אָבער דאָס ל ע ב ע ן. וואָס פון איהם ציהט זי איהר חיונה, מוז האָבען ירושה־זאַפט אין זיך, מוז האָבען א נעכטען. דער אידישער קיבוץ אין אַמעריקע האָט נאָך, ווי א קיבוץ, נישט קיין געשיכטע. ערשט היינט איז ער געבוירען געוואָרען, ריכטיגער, ער ווערט ערשט איצט געבוירען פאַר אונזערע אויגען. די מענשען, וואָס פאַרנעמען דעם אויבענאָן אין איהם, זיינען נאָך נישט קיין איינגעזעסענע, איינגעוואָרצעלטע מענשען. דערצו זיינען זיי אַנגעקומ־מען, אַנגעלאָפען אהין פון אַלע עקען וועלט. און טאָמער האָט עמיצער גע־

בראכט עפּיס מיט זיך. שטימט עס ניט מיט דעם, וואָס אַז אַנדערער האָט געבראַכט... „יאהודימשע“ און פּשוטע אידען, רומעניִשע אידען, גאַליציִשע אידען, אונגאַרישע, רוסיש־פּויליִשע, רוסישע אידען — אַזאַ ערב־רב, אַזאַ מישמאַש פון דיאַלעקטען און לעבענס־פאָרמען, מנהגים און טראַדיציעס — קאָן ניט שאַפען, האָט זיך געדוכט, קיין פּרוכפּערדיגען באָדען פאַר אַ איינהייטליכער ליטעראַטור.

דערצו האָט צווישען אידען אין אַמעריקאַ, צווישען די, וואָס לעבען אויך דאָרט ווי אידען, ווי אַ באַזונדער קיבוץ, געפעהלט אַ לאַנגע צייט דער מין אינטעליגענץ, דער מין מענשען, וואָס ווייס, אַז „מאַכען אַ לעבען“ הייסט נאָך נישט לעבען. און ווי באַלד, אַז עס איז נישט געווען קיין אינטעליגענץ, האָט שוין אויך נישט געקאָנט זיין ממילא קיין ליטעראַטור, וואָרים ווען זי וואָלט געוואָרען על פּי נס, וואָלט ניט געווען, ווער עס זאָל זי אויפנעמען...

און אַז מ'האָט זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס איז געשריבען געוואָרען אויף אידיש אין אַמעריקע, האָט מען געזעהן, אַז דאָס זיינען אַלץ טאַקע בעסערע אָדער ערגערע ליטעראַרישע ווערק, אָבער נישט קיין ליטעראַטור. ליטעראַטור איז אַ ציעל פאַר זיך אַליין. זי קאָן אויסגענוצט ווערען אויך צוליעב אַנדערע ציעלען, זי איז אָבער ניט אויסען אָט די זייטיגע זאַכען, וואָס קאָנען זיין דער רעזולטאַט, אָבער ניט די טרייב־קראַפט פון איהר שאַפען. אין ליטעראַטור אַ מיטעל און נאָר אַ מיטעל צו אַנדערע ציעלען, איז זי אַליין, וואָס איהר ווילט, נאָר נישט קיין ליטעראַטור (אין'ם זין פון קונסט). אין אַמעריקע האָט די ליטעראַטור אויף אידיש אויסגעזעהן צו זיין אַ מיטעל און נאָר אַ מיטעל. די, וואָס זיינען געבוירען צו זיין איהרע כהנים, זיינען געוואָרען דאָרט נביאים און אָפטמאָל גאָר שמשים פון דער סאָציאַלער בעוועגונג. אַפילו מאָריס ראָזענפעלד, אַ געבוירענער איך־ליריקער, איז אין ניו יאָרק געוואָרען אַ סאָציאַלער דרשן. ווער רעדט שוין ווינטשעווסקי — איהם האָט גאָט אַליין געהייסען זיין אַן אַגיטאַטאָר. און אַז עס איז אַראָפּגעקומען אַזאַ פּאָעט, ווי יהואש, איז איהם טאַקע שווער געווען זיך דאָרט איינצוהיימישען. און טאָמער האָט זיך ווער פאַרגונען אַמאָל צו שרייבען אַ ליעד, אַ סקיצע אָדער אַ נאָוועלע אָהן קיין שום זיי-



טיגע כונות, האָט עס געהאַט אַ שייכות צו דער אַלטער היים. און אויב אין אַמעריקע איז מיט אַ יאָהר צעהן־פופצעהן צוריק געווען אַ זכר פון אַ ליטעראַטור אויף אידיש, פון אַ ליטעראַטור, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ צוועק, איז עס נאָר, ווי ווייט דאָרט איז געווען אַ צוגעבונדענקייט צו דער אַלטער היים, ווי ווייט דאָס איינגעפונדעוועט און איינגעשטעלט אַלס היימיש לעבען איז מיט האַק און פּאַק אַריבערגעטראָגען געוואָרען מעבר לים און האָט געהאַט אַ קיום אין'ם ממשות'דיגען לעבען אָדער אין'ם כח־הדמיון און אין דער בענקשאַפט פון די „גרינע“ אימיגראַנטען. דאָס אַרטיגע, דאָס אַמעריקאַנער אידיש לעבען האָט געשאַפען אפשר ליטעראַטען, אָבער נישט קיין ליטעראַטור.

און מענשען, וואָס גלויבען ניט אין דעם, וואָס זיי זעהען נישט מיט די אייגענע אויגען, האָבען טאַקע נישט געגלויבט, אַז אין אַמעריקע זאָל אויסוואַקסען אַ אידישע ליטעראַטור.

נאָר אָט האָבען זיך מיט אַ יאָהר צעהן צוריק אָנגעהויבען ווייזען אין אַמעריקע יונגע. זיי האָבען גענומען אויסטיילען זיך, אויסשיילען זיך פון דעם אַרומיגען תהו־ובהו און שאַפען פאַר זיך באַזונדערע ווינקעלעך — זאַמעלביכער: „די יוגענד“, „טרוימען און ווירקליכקייט“, „ליטעראַטור“. קיין גרויסע כחות זיינען דאָרט נישט געווען. אין'ם פּרט פון טאַלענט האָבען די „יונגע“ דאַן נאָך נישט געהאַט וועמען צו שטעלען אַנטקעגען אַ מאָריס ראָזענפעלד און אַ יהואש, אַ פּינסקי און אַ קאָברין. נאָר איין זאַך האָבען זיי געבראַכט מיט זיך, וואָס ביז אַהער האָט עס געפעהלט אין אַמעריקע — די אַטמאָספערע פון קונסט. די געצעהלטע ליטעראַרישע כהנים, וואָס זיינען צו יענער צייט שוין געווען אין אַמעריקע, האָבען ניט געהאַט קיין מקדש, וואו צו פּראַווען די עבודה. אַפילו אין דעם מאָנאַטליכען זשורנאַל „צוקונפט“ איז פאַר ליטעראַרישער, ווי פאַר יעטוועדער אַנדער, קונסט געווען ווייניג פּלאַץ און לופט. די יונגע האָבען נישט אויפגעבויט קיין קונסט־טעמפּעל; זיי האָבען אָבער גערייניגט דעם פּלאַץ פאַר איהם. און די זאַמעלביכער „שריפטען“, וואָס האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן אַ פּאָר יאָהר פאַר דער מלחמה, האָבען שוין געטראָגען שטיינער אויף'ן פּלאַץ. — שטיינער צום בנין פון'ם לי-

טעראַרישען טעמפעל. איך געדענק דעם איינדרוק, וואס עס האט געמאכט
אויף אונז אין רוסלאנד דער ערשטער באנד „שריפטען“. מיר האבען דער־
פיהלט, אז עס האבען זיך באוויזען אין אמעריקע שרייבערס, וואס ווילען
זיך אפטיילען, אפשיידען פון דער ארומיגער וואכעדיגקייט, שרייבערס, וואס
קאנען נים שטעלען זיך דאוונען — „שאפען“ — אין מיטען גאס, וואס ווי־
לען האבען פאר זייער ליטעראַרישען מנין א באזונדער ווינקעלע, א ליטע־
ראַרישע ש ו ה ל, א קינסטלערישען מקום קדוש. מיר האבען דערפיהלט,
אז אין אמעריקע ווערט געשאפען א ווינקעלע, וואו ליטעראַטור איז א קולט,
א צוועק פאר זיך אליין. פון דאן אז האבען אפילו די גרעסטע צווייפלער
געמוזט אנהויבען גלויבען אין דער מעגליכקייט פון א אידישער ליטעראַטור
אין אמעריקע.

דאַרט האט צו יענער צייט, אגב, אנגעהויבען מעהרען זיך און פאר־
נומען אלץ מעהר אָרט אין לעבען די אידישע אינטעליגענץ. צו דער עקאָנאָ־
מישער עמיגראַציע איז צוגעקומען די פּאָליטישע עמיגראַציע. די עמיגראַ־
ציע פון כלל־טוער, ליטעראַטען און סתם־אינטעליגענטען: דערצו זיינען ביי
די אימיגראַנטישע מאסען גופא געוואקסען די קולטור־באדערפעניסען, און
עס איז באשאפען געווארען א פלאץ פאר אינטעליגענטע כחות, פאר איני־
טעליגענטער ארבייט.. צוגלייך האבען זיך דאַרט אנגעהויבען ווייזען די
ערשטע סמנים פון אז א ר ט י ג ע ן אמעריקאנישען אידישע לעבענס־
סגנון: אינאיינעם מיט דער בענקשאפט נאך דער היים און דעם היימישען
לעבען, וואס איז נאך געווען גענוג שטאַרק, האט גענומען שפּראָצען און
ווערען אלץ טיעפער דער פארלאנג צו שאפען זיך דאַרט אויף'ן אָרט א היים,
א נייע היים. דער היימישער קאליר, וואס יעדע עמיגראַנטען־גרופּע האט גע־
בראכט פון איהר לאנד, ווערט ביסלעכווייז אפגעריבען און אפגעבלאַקירט.
און פארקעהרט, דאס ניי אמעריקאניש הייטעל, וואס דעקט־צו און באהעפט
די אברים מרולדלים פון פארשיעדענע לענדער, ווערט אלץ שטייפער.. אנ־
שטאט די פארשיעדענע עמיגראַנטען־טיפּען הויבט אן צו וואקסען און צו
פאָרמירען זיך אן אייך־איינציגער אימיגראַנטען־טיפּוס. דער טיפּוס
פון'ם אויסגעגרינטען אמעריקאנישען אידען... די ליטעראַרישע יוגענד, ווייל
זי איז ?????? און ווייל זי וויל זיך נישט באנעהן בלויז מיט זכרונות פון'ם



עבר, האט זיך אנגעכאפּט אן אט דעם נייעס, אומקלאַרען, אבער דרייסטען
שטרעבען איינצופונדעווען זיך אין דער נייער היים און צו „מאכען“ דאַרט
א לעבען נים נאר מאַטעריעל, נאר אויך גייסטיג אין דער ליטעראַטור פון די
„יונגע“ האט דאס ניי אמעריקאנער לעבען, „די נייע היים“, גענומען, וואס
ווייטער, אלץ מעהר ארויסשטופּען דאס אלטע לעבען, די „אלטע היים“.
דער פערלאג, וואס האט אנגעהויבען ארויסצוגעבען די „שריפטען“ פון די
„יונגע“, האט זיך ד ע מ א נ ס ט ר א ט י ו ו גערופען: „אמעריקע“.
דער ניו יאָרקער „ליטעראַרישער פערלאג“ האט די זאמעלביכער, וואס ער
האט ארויסגעגעבען אין יאהר 1914, א נאמען געגעבען מיט א כיון. „די נייע
היים“. אין יאהר 1916 האט דער אייגענער פערלאג ארויסגעגעבען א זאמעל־
בוך מיט'ן נאמען „איסט בראָדוויי“ (דער טייל פון ניו יאָרק, וואו עס וואוי־
נען אידען). און אין די דאָזיגע, ווי אין אנדערע אויסגאבען זיינען שוין
פאראן טאקע ערצעהלונגען און ראָמאנען „פון ניו יאָרקער געטא“, פון
אמעריקאנער אידישען פארמער־לעבען (אפּאטאשו, איגנאטאוו, ראַבאי),
ציקלען לידער, וואס „באזינגען“ „די נייע היים“ (שוואַרץ). „ניו יאָרק“
(י. סלאָנים).

אין דער דאָזיגער „נייער היים“, אין דעם דאָזיגען „ניו יאָרק“ שטעקט
נאך א שטיק א ל ט ע היים, א שטיק יעהופּעץ און כתרילעווקע, לעמבעריג
און יאסי: נאר וויכטיג איז דאס, וואס דאס א ל ט ע טרעט שוין דא
ארויס ווי א קאָנטראַסט צו נ י י ע ם.. די דאָזיגע אנטקעגענשטעלונג
טרעפט זיך אויך ביי איינינע ע ל ט ע ר ע אמעריקאנער אידישע שריי־
בער: נאר ביי יענע איז שילדערן דאס נייע אמעריקאנער לעבען דאס רוב
נאר א מיטעל בולטער צו מאכען דאס אלט־היימיש לעבען ביי די י ו נ ג ע
אבער זיינען די נייע אידישע לעבענספאָרמען, וואס שמידען זיך אונטער
דעם עונ־מלך־הבשן־האמער פון דער נייער וועלט, א ציעל פאר זיך אליין. —
א ציעל און א וועג...

און א דאנק אט די „יונגע“, נעפינט זיך דער נייער לעבענס־נוסח, וואס
הויבט זיך אן וועבען צווישען די אמעריקאנער אידען, אן אויסדרוק אין דער
ליטעראַטור. די סבה, וואס האט ביז אהער געשטערט דער ענטוויקלונג פון
דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקע: דאס פעהלען פון א ליטעראַרי־

שער אטמאָספער, פון א אינטעליגענץ און פון אַן אַרטיגען לעבענס-סטיל — ווערט ביסלעכוויי בטל, און די „יונגאמעריקאנישע" אידישע ליטעראַטור האלט אין איין וואקסען... בעת ביי אונז אין רוסלאנד ווערען שוין באלד דריי יאָהר ניט געדרוקט קיין ביכער אויף אידיש, בעת אין רוסלאנד, ביי אונז איז, בפועל ממש, א הונגער אויף אידישע ביכער, איז דאָרט, אויף יענער זייט ים, גראָד א געראָטעניש די לעצטע יאָהרען אויף נייע אידישע אויסגאַבען. און אז מיר באקענען זיך מיט זיי, זעהען מיר, אז אויב אמעריקע האָט נאָך ג ע נ ו מ ע ן ביי אונז, קאָן „יונג-אמעריקע" אונז ג ע ב ע ן אויך...

ביי אונזער איצטיגען ליטעראַרישען דלות אין רוסלאנד וועט עס אונז שטארק צונוץ קומען, און מיר ווילען פּרובען, דעריבער, באקענען די לעזער מיט די נייע אמעריקאנישע אידישע אויסגאַבען, וואָס אונז איז געלונגען צו באַקומען.

# פון מאָנאַט צו מאָנאַט.

---

פאַר'ן לעצטען מאָנאַט זיינען צוויי פון אונזערע אנגעזעהענסטע יונגע שריפטשטעלער ארויסגעגעבען געוואָרען אין ביכער פאָרם. דאָס שאַפען פון מאני לייב און דוד איגנאַטאָוו איז נישט מעהר צעוואָרפען אין פערשידענע זאמעלביכער און זשורנאַלען, וועלכע זיינען אין מעהרסטע ערטער שווער צו קריגען, נאָר געזאמעלט און ארויסגעגעבען יעדער איינער אין דריי שעהנע, געשמאַקפולע בענדער. און נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו ריידען וועגען דעם ווערט פון די ביכער פאַר אונזער ליטעראַטור. דאָס ווילען מיר טהאָן אין די קומענדיגע נומערען אין גרעסערע אַרטיקלען. אָבער דערווייל פיהלען מיר, ווי צו בעגריסען טאקע זיך אליין, ווי אויך אונזערע לעזער מיט דער מעגליכקייט פון זיך איינצושאַפען די ביכער פון אזעלכע צוויי אינטערעסאַנטע דיכטער, ווי מאני לייב און דוד איגנאַטאָוו.

* * *

די „ווינקעל גרופּע" אַנאָנסירט אין די צייטונגען, אז זי הויבט אָן ארויסצוגעבען א סעריע ביכער פון די בעסערע אידישע שריפטשטעלער. די ערשטע ביכער זיינען: „אין ניו יאָרק", א באַנד לידער פון מ. ל. האַלפּערן און זיבען בענדער פון משה נאַדיר. אודאי איז ערפרעהענד צו הערען, אַז דער קרעפטיגער און בלוטפולער האַלפּערן, ווי אויך דער רווישינער, אָפּטמאָל וואָדעוויל-מעסיגער, אָבער כמעט שטענדיג אינטערעסאַנטער נאַדיר ווערען געזאמעלט און ארויסגעגעבען אין ביכער. אָבער, ווי אזוי עס גראמען זיך אזעלכע בעפראַקטע און עלעגאַנט-מאַנירענדע, ווי מ. ל. האַלפּערן און משה נאַדיר זיינען מיט דער „ווינקעל גרופּע" וואָס איז א טייל פון אַן „אַסאָסיאיישאַן" וואָס טראָגט דעם חנ'עוודיגען נאָמען: „שנאָרער" איז אָביסעל אונפערשטענדליך.